STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10385

A GEZANG FUN A IDN

Sarah Shimonovitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה שימאנאוויטש

א געזאנג
פון א אידן

תל־אביב תשל״ג —1973

©
כל הזכויות שמורות

דפוס „יד החמשה", כפר חב"ד

הרבנית שרה שימאנאוויטש
און איר מאן
הרה"ג שלמה שימאנאוויטש שליט"א

ב"ה

די דיכטערין הרבנית שרה שימאנאוויטש איז ניט קיין פנים חדשות אין דער אידישער ליטעראַרישער וועלט. זייט מערערע יארן באוויייזן זיך גאנץ אפט אף די שפאלטן פון דער אידישע פרעסע אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע אירע לידער אף פאר־שיידענע אקטועלע טעמעס.

אין דעם ערשטן לידער-ביכל פון דער חשובער דיכטערין נעמען מיר אריין נייע לידער ווי אויך אזוינע וועלכע האבן זיך שוין באוויזן אין דער פרעסע.

מיר האפן, אז די לייענער וועלן וויגעהעריק אפשאצן די לידער וועלכע זיינען אידיש ניט נאר אין שפראך נאר אויך לויטן אינהאלט.

מיר ווינטשן די חשובע דיכטערין ווייטער־דיקע ליטעראַרישע דערפאלגן.

די ארויסגעבער

דער אינהאלט

	זייט
אידישע אותיות	יא
מיין מוטער שפראך	יג
זעקס און זיבן	טו
דער אמת פון זעקס און זיבן טעג	טז
מיהו יהודי	יט
ירושלים	כב
מיין פאלק	כד
שטעל זיך אפ	כה
מענטש	כז
מענטש טראכט אריין	כח
גבורה	כט
ס'איז אוועק	ל
יונג און אלט	לא
אלץ ווייניק	לב
עלנט	לד
גיי פארביי אונזער דאך	לה
עס שטייט א קליין לעמעלע	לו
עס ברענט	לח
אין חדר אריין	מ
יוגנט	מא
שפראצונג	מב
בעל תשובה	מג
אלטשינקע ביידע	מה
ים כוואליעס	מו
מיין גוטער שכן	מז
איך זוך דעם וועג	מח
גאוה	מט
אופגאנג פון טאג	נ
נאכט	נא
זון און שאטן	נב
פרילינג	נג
זומער	נד
הארבסטיקער וואלד	נה
גאלדענער הארבסט	נז
ווינטער	נט
אלול	ס

	זייט
קול פון שופר	סב
תשליך	סד
ערב סוכות	סו
זאס סוכה'לע	סז
א סוכה'לה	ע
שמחת תורה	עא
חנה מיט אירע קינדער	עג
חנוכה אין סטאלינ'ס צייטן	עה
חנוכה ליד	עז
חנוכה באם דריידל	עח
פסח	עט
ל"ג בעומר	פ
שבועות	פא
גרין באפוצט	פב
תשעה באב	פג
שרה'לע גרייט זיך צום שבת	פד
שבת בראשית	פה
נח	פו
שבת	פח
מיין בת־מלכה	פט
אן פריינט	צא
צדקה	צב
די מענטשלעכע קריין	צג
אין קאנצעטראציע לאגער	צד
איך בין פאר א ריינעם אידיש	צה

שירים אין עברית

שרה'לה מתכוננת לשבת	צט
שינה מתוקה	ק
כבוד אב ואם	קא
ראש השנה	קב
סוכה	קג
חנוכה	קד
פורים	קה
פסח	קו
ל"ג בעומר	קז
שבועות	קח
שלג יורד	קט
סבא וסבתא	קי

אין אנדיינקונג פון מיינע גרויסע עלטערן מיין פאטער הרב הגאון והחסיד ר' אהרן ב"ר בנימין זצ"ל טומארקין און מיין מוטער הרבנית רחל בת ישראל ע"ה.

אייער פלאנצונג שפראצט מיט דופטיגע בלומען
עס שרעקן זיי ניט די שטורמדיקע ווינטן וואס קומען
זיי שטייען שטאלץ מיט דער תורה פאן
דעם גייסטיק הונגעריקן זיי שפייזן אן
צוליב מסירות נפש פאר אידישע דערציאונג
זייט איר אף אייער לעבן אסאך אפגעקומען
און יונג דורך די יעווסעקעם ימ"ש פון אונז אוועקגענומען.

אין אנדיינקונג פון מיין איינציקן ברודער החסיד והתמים מאיר בן הרב אהרן טומארקין ע"ה.

צו דרייסיק יאר ביסטו געפאלן
אין צווייטן וועלט קריג ווי א העלד
דיין פרוי און פיר קינדער האט דער דייטש
אומגעבראכט אכזריות'דיק פון דער וועלט
קיין מצבה איז ניט איבערגעבליבן
מיין ווייגעשריי וועט קיינמאל ניט ווערן פארשוויגן.

מיר ברייננגען דא עטלעכע אויסצוגן פון רעקאמענדאציע בריוו, וועלכע די חשובע דיכטערין האט באקומען פון אנגעזעענע רבנים און קאנאדע.

„...איך וויל באשטעטיגן דאס איך האב דורכגעקוקט די שירים פון מרת ש. שימאנאוויטש פון זיי קוקט ארוים א רעליגיעזער געדאנק און א לערע פון מוסר. עס איז זייער נוצלעך, אז די שירים זאלן דערשיינען אין א בוך...”

פ. הירשפרונג

הרב הראשי דמונטריאל

„...אונזערע געשעצטע פריינדין מרת שרה שימאנאוויטש תחי' איז ענדלעך באוואגן געווארן ארויסצוגעבן אין דרוק איר זאמלונג פון לידער וואס זיינען צוגעפאסט פאר קינדער. יעדעס ליד האט א טיף אידישן אינהאלט, וואס דאס וועט איינפלאנצן ליבשאפט צו תורה אין אידישקייט...

מיט אונזערע הארציקע ווונשן פאר הצלחה אין דער ארבעט”.

הרב צ. י. פייגלשטאק

„איך באשטעטיק, אז איך האב געזען די שירים פון דער חשובער מרת שימאנאוויטש, וועלכע זיינען זייער נוצלעך פאר רעליגיעזער דערציאונג, בפרט אין היינטיקע צייטן ווען עס פארשפרייט זיך א סאך ניט רעליגיעזע ליטעראטור”.

שמואל אלכסנדר אונסדארפער

ר"מ ומנהל "מתיבתא ראשית חכמה"
מאנטרעאל

איינפיר ווארט

צו מיינע ליבע לייענער !

איך האב געשריבן דעם ביכל
מיטן צוועק
דערווייזן דעם גליק צו גיין
אין געטליכן וועג
איך האף אז דורך מיינע לידער
וועט געשטארקט ווערן די ליבשאפט
צווישן ברידער.

שרה שימאנאוויטש

אידישע אותיות

אידישע אותיות! איר זייט פאר
מיר געטאקטע פערל,
איך קלייב אייך איינס, נאך איינס,
אין שנירל,
איך בינד פארזיכטיק צוזאמען
און שאף א אידיש ליד אין גראמען.

א הייליק אידיש ליד אין גראמען
פאר זיידע באבע, טאטע מאמען —
פאר קינדער, וועמען מען לאזט ניט
פאראייניקען זיך צוזאמען.

פאר ברידער שוועסטער וואס זיינען
פון זיך אפגעריסען,
וואס קענען ניט קיין ליבשאפט געניסן
צוזאמען,
איך באוויין זייער גורל
אין גראמען.

„אידישע אותיות" איר האט
א געוואלדיקען כוח,
איר שאפט, שלייפט דעם
אידישען מח,
דעם אידישען פאלק איר גיט
האפענונג — מוט

עס וועט קומען א צייט, אידען
וועט אייך ווערען גוט,
פון אייך איז צונויפגעשטעלט
די הייליקע תורה,
ס׳איז די ריכטיקע נוצלעכע
סחורה,
דערפאר פון גרויס יחוס מ׳יר
שטאמען
אונדזער חוב די שמוץ פון דער
וועלט אויסראמען.

מיין מוטער שפראך

אידיש איז מיין מוטער שפראך
איך האב פון דיינע אותיות
געלערנט גאר א סאך
יעדעס ווארט וואס פון אייך איז
געשאפען געווארען
האט מיר געגעבען א באדייט
א קלארען.
אידיש דו ביסט פאר מיר זיס
און שיין
יעדער אויסדרוק איז באפוצט
מיט חן,
יאנקעל, קלינגט שענער ווי דזעק
וואס איז גאר א חיה מיט א עק.

אינגעלע איז שענער פון באי
„איד" איז בעסער פון גוי
„איד" "וויל קיין בלוט נישט
פארגיסען
דעם איד צווינגט מען אבער שיסן.
מיידעלע קלינגט שענער פון גערל
ריינע אידישקייט גלאנצט ווי פערל
איד העלפט אלעמאל א צווייטען
אבער אים שמידט מען אין קייטן.

דאך איז די קליגסטע קולטור
די אידישע תורה
זי באשיצט און באקרעפטיגט
דעם איד —
אפילו ער איז אין קייטן געשמידט
גייט ער זיין וועג אן שרעק און מורא.

זעקס און זיבן

זעקס טעג איז וועלטס באשאף
געדענקען דאס גוט מען דארף.
דעם זיבעטן טאג האט ג־ט גערוס,
צו פארגעסען דאס איז נישט גוט.

זעקס טעג איז א ארבעטס וואך
דער זיבעטער טאג איז רו,
דארפסט דיין גוף לאזען צורו —
און ניט שלעפן דעם וואכעדיקן יאך
וועלען רק נאך און נאך ;
דער זיבעטער טאג מוז זיין גערוט
דאס דארף מען געדענקן גוט.

זעקס טעג האבען אידן געהאט
גרויס נצחון,
די אידישע שונאים
זענען געווארען געבראכען
דער זיבעטער טאג, די רו
איז פאר אונדז אידן נאך
נישט געקומען
נישט אלע אידן האבן נאך
דעם שבת אויפגענומען
טא לאמיר אריינברענגען דעם שבת
די רו, אין אונדזער פריוואטן לעבן
וועט אין אונדזער לאנד שלום
ושלוה שוועבען.

דער אמת פון די 6 און 7־טן טאג

עס איז אמת אז ארץ ישראל איז א מדינה'לע א קליינע
פון חורבות און מדבריות פארוואנדעלט געווארן אין
א מדינה'לע א שיינע
ס' איז אמת אז ארץ ישראל האט געבעטן אירע שונאים
לאמיר האנדלען לעבן בשלום און אנשטאט געווער מאכן
מזומנים.

עס איז אמת אז די אראבער האבן קיין שלום ניט געוואלט
נאר הארגענען, שרעקן מיט פארניכטונג האט זייער
הארץ געקוועלט,
און עס איז אמת אז די אידן האבן פון צייט צו צייט
די אראבער געלאזט פילן
זיי געווארנט און געווארנט מיט פייער זיך ניט שפילן.

עס איז אמת אז די אראבער האבן די וועלט פארשריען
אומברייינגען וועלן מיר ישראל, מיט אלע שווארצע
כוחות זיך באמיען
און עס איז אמת אז דער שונא האט אנגעזאמלט
פיל געווער
גענומען פאכן מיט שווערד אומצוברייינגען אלע אידן
אוף דער ארץ ישראלדיקער ערד
א שרעק איז באפאלן אלע אידן אוף גאר דער וועלט,
ווי די באמבערס טאנקן גרייט צו שיסן אף די אידן
אויסגעשטעלט

און די וועלט האט געשוויגן... ניט גערוקט זיך
פארטיידיקן אידן
האט נייגעריג געווארט ווי דער צורייצטער טיגער וועט
ארויס א זיגער
און דא איז געשען פון באשעפער דער גרויסער נס
די שוואכע לעמעלע איז אין א שטארקן לייב פארוואנדעלט
געווארן
און דער שונא איז אף דער אייגענער ערד געשלאגן געווארן
פאר זעקס טעג זיינען די שונאים חרוב געווארן אין בלוט
אפגעגאנגען
דאך קענען זיי נאך ניט שטילן זייערע חיה'שע פארלאנגען,
זיי שארפן פאר די אידן ווידער א שווערד, אבער ג־טס
ווילן וועט זיי טרייבן אין דער ערד

יא! דער שומר ישראל איז אף דער וואך
דאס געגעבענע לאנד פון ג־ט, דאס אייגענע דאך
וועלן אידן אי"ה באשיצן מיט כבוד א סאך.

אבער דער זיבעטער טאג די רו איז פאר די אידן נאך
ניט געקומען
דער הייליגער שבת די רו איזליידער בא אפולע אידן
נאך ניט אופגענומען
שבת איז די רו פון ג־ט, אידן מוזן אפהיטן שבת
דאס איז א געבאט.

זעקס טעג אין מען אין שרעק געוועז
ניסים פון באשעפער האבן אלע געזען
דער זיבעטער טאג, די רו וועט פאר אידן זיכער אי"ה קומען
ווען דער הייליגער שבת וועט פון אלע אידן ווערן
אופגענומען.

אידן!! ברידער שוועסטער! וואס ווארטן מיר?...
עפענט פארן הייליגן שבת די טיר.
שבת ניט קויפן, שבת ניט קאכן, שבת ניט האנדלען
די הייליגע תורה איז אונזער וועג ווייזער פארוואנדלען

ווייל די הייליגע תורה איז פארט די בעסטע סחורה
פון איר לערע קומען קיין היפיס ניט ארויס
נאר אין חכמה און אין וויסן וואקסן אידן גרויס.

מיהו יהודי

די וואונד מיהוא יהודי האט
זיך פארצויגען
מיט א ווילדער הויט,
די וואונד אייטערט טיף
און טוט גאר שטארק נאגן,
ביז ווי לאנג וועלען אונזערע
פארפירער
האבען דאס לעצטע ווארט
צו זאגען ?....
די וואונד מיהוא יהודי
ברייגנט אויף אונדז
גרויסע צרות
עס זעען אבער דאס נישט
אונזערע ווארטזאגערס אויף
קאטאוועס,
ביז ווי לאנג וועט די וואונד
אייטערן און נאגען ?
ביז ווי לאנג וועלען מיר
דערפאר
פון ג־ט ווערען געשטראפט
און געשלאגען...
ווי נאר די מכה האט זיך
באזעצט
אויף אידישען גוף

גלייך זיינען די אידישע
פארלוסטען
געשטיגען ארוף.
א טאַנק א פארכאפטען
מיט געווער
וואס דערווארבען געווען אזוי
שווער
איזביים שוועל פון אונזער היים
אויפגעריסען געווארען,
און יונגע פארטיידיקערס
האבן זייערע לעבענס פארלוירן.
קינדערלעך אין אוטא שפאצירן
געפארען
זענען פון קוילען געטראפען
געווארען,
בארג ביים גרניץ האט זיך
אפגעריסען
און יונגע סאלדאטן מיטגעריסן,
נצחונות האבען געהאט די
טעראריסטען
און מיר אידען אומשולדיקע
פארלוסטען.
פרעג זיך ביז ווי לאנג
וועט די וואונד
„ווער איז א איד" אייטערן
און נאגען ?

ביז ווי לאנג ועלן מיר פון ג־ט
דערפאר ווערן געשלאגן ?...
איד ! די מכה מיהוא יהודי
עפען אויף
רייניק אויס די שמוץ פון
אידישען גוף
דער שלום וועט דאן גרינגער
גיין זיין וועג
עס וועלען אנקומען פאר אידן
ליכטיקע טעג.

ירושלים

ירושלים עיר הקודש,
איך בין מתפלל פאר דיר
יעדען טאג, יעדען חודש,
יאר איין יאר אויס,
אז דו זאלסט זיך צעוואקסען —
אין קדושה שיין און גרויס.

מיין הארץ... ווער ווייס ווי —
עס ציטערט איבער דיר,
כ׳האב שטענדיק תהילים געזאגט
געבעטן ג־ט דיך אומקערן צו מיר.

איצט ג־ט צו דאנקען ביסט
מיין אייגענטום
איך בין זעהר דערהויבען און
גליקלעך דערפון,
איך ווייס אבער אז דו ביסט
איצט זעהר קראנק
דיך האט א ביס געטאן
א גיפטיקער שלאנג
(פון דעם אייגענעם גארטן
ערגעץ אין א געדיכטן דארטן)
מען דארף האנדלען שנעל
צו ראטעווען דיך
די רפואה מוז קומען שנעלער
פון גיך

די מעדיצין איז אין א פאר
ווערטער
„על פי־הלכה״,
דאן וועסט אין דיין לאנד
און דיין פאלק
זיצען אייביק אויף די ערטער.

אויב די מעדיצין וועט מען דיך
גלייך נישט געבען
ג־ט ווייס... וואס עס וועט
געשען מיט דיין לעבן,
ווער ווייס... ווי מיין הארץ
ציטערט איבער דיך
וואס פאר א קיום קען איך האבען
אן דיר.

ירושלים עיר הקודש
איך בין מתפלל פאר דיר
יעדען טאג יעדען חודש
יאר איין יאר אויס
אז דו זאלסט זיך צעוואקסען
אין גשמיות און רוחניות
שיין און גרויס.

מיין פאלק

מיין פאלק! א דריטל פון דיר האט מען פארשניטן,
א פערטל פון דיר פייניגט מען נאך איצט
און דו דרעמלסט און וואכסט זיך ניט אוף.

שטיי אוף מיין טייער פאלק!
דערהער די טריט פון משיח׳ן
ג־ט האט זיך דערמאנט אן אונז,
ער וויל מיר זאלן זיך דערמאנען
יעצט אן אים.

מיר האבן אים פארלאזן
אין די בעסערע פריערדיקע טעג
פארגעסן אונזער קלוגע תורה
אוועק אף א פרעמדן וועג

אבער נאך דער שווערער שטראף
האט ער אונז צוריק ארץ ישראל אוועקגעגבן
מיר האבן דאס ווידער ניט אפגעשאצט
זיך ניט אומגעקערט צו אים מיטן גאנצן האַרץ

מיין טייער פאלק קער זיך אום צו ג־ט
וועלן מיר האבן רוהיגע גליקליכע טעג.

שטעל זיך אפ

מענטשעלע, מענטשעלע!
מיט זיך, וואס שטעלסטו זיך פאר?
א ריר טאן דיך נאר אויך א האר
ווערט פון דיר אויס מהות גלייך
סיי ארים סיי רייך

מענטשעלע, מענטשעלע!
וואס פארדייסטו דעם קאפ
אפילו דו פארמאגסט
גאלד א טאפ
דארפסטו דין וחשבון געבען
פאר דיין גייסטיקען לעבען.

מענטשעלע, מענטשעלע!
שטעל זיך אפ, גיב א טראכט
וואס האסטו אין דיין לעבען
אויסגעמאכט?...
די שיינע „אידישע" תורה
ווינציק געלערנט
צדקה ווינציקער ווי געקענט
געגעבן
וואס איז געווען דיין שטרעבען
אין לעבען?...

די קינדער פון זיך פארשטויסען
זיי וואלגערן זיך אין דער פרעמד
אין דרויסען,
האסט געדינט א פרעמדען ג־ט,
גאלד, גאלד, איז געווען זיין געבאט.

מענטשעלע, מענטשעלע!
אויף א ווייל שטעל זיך אפ,
באטראכט די לאגע מיט
א קלארן קאפ,
טאמער חלילה קלאפט מען צו דיר אן
מען רופט פון אויבען ווייזען
וואס האסט אפגעטאן,
כל זמן עס איז נישט שפעט
צו מאכען א חשבון הנפש,
האב אויף זיך רחמנות
און טו פאר דיין נשמה עפעס.

א מענטש

א מענטש ווערט מיט געוואלד געבארן
אין לעבן אבער טוט ער פון זיך בלאזן
ער לעבט אפ מיט געוואלד זיינע יארן
און מיט געוואלדד טוט ער די וועלט פארלאזן.

מענטש טראכט אריין

מענטש טראכט אריין אין דיינע יארן,
אז דו ביסט פון א גאר ניט געבארן,
און וווהין קומסטו צום סוף פון לעבן,
און פאר וועמען דו דארפסט חשבון געבן

דאן וועסטו ניט גיין אין שלעכטע פרעמדע וועגן
נאר וועסט זוכן אין דער הייליגער תורה —
די אויסגעטראטענע אידישע שטעגן
וואס לוינט צו לעבן פון זייערטוועגן.

גבורה

איך בין א קליין אידעלע
צווישן גרויסע ריזן מענטשן
דער באַשעפער האט געטאן
מיך קליין אידעלע מיט גבורה בענטשן.

איך דער קליין אידעלע פארמאג א —
גרויסע הייליגע תורה
צווישן ריזן פעלקער האב איך זי
געטראגן אן שרעק אן מורא.

שפאן איך ווייטער מיט איר
אפילו צווישן שטעכעדיקע דערנער
ליידער זיינען מיינע גרויסע ברידער
אייך מיינע קעגנער

זיי ווילן מיך דעם קליינעם אידעלע
מיט דער גרויסער תורה
פון דער וועלט פארטרייבן
איך זאל ניט שרייען ניט וויינען
נאר שטיל שווייגן.

ניין, איך דער קליינער אידעלע
מיט דער גרויסער תורה
וועל זיך איבער די ריזן מענטשן
דערהויבן,
און וועל ברייגגען פאר דער גאנצער
וועלט פריידן.

ס'איז אוועק

שיין אוועק דער נעכטן
ניטא נאך דער מארגן
איז וואס איז דא צו זארגן ?...
דעם היינט כאפ אריין
פרום און גוט צו זיין.
כאפ אריין א טובה טאן
א צווייטן,
א נדבה גיב א דריטן,
כאפ אריין א מצווה ביים לעבן
ווייל אף יענער וועלט וועט מען דאס —
דיר ניט געבן
דעם היינט כאפ אריין
גוט און פרום צו זיין
דאס איז נויטיג אין לעבן
און מען דארף צו דעם שטרעבן.

יונג און אלט

ווען איך בין יונג געווען האב איך געטראכט
אז איך וועל אלט קיין מאל ניט ווערן,
כ'האב פון אלטקייט געשפאט און געלאכט
פאר הומאר כ'האב גענוצט דאס גערן.

דאס רעדל פון לעבן האט זיך געדרייט
און מיט זיי די יוגנט יארן אין געלאף
איך בין געווארן אלט און שוואך
מיין הומאר איז שיין לאנג פארווייט

עס טוט מיר אבער באנק יענע גליקליכע טעג
פאר מיינע ניט קלוגע טאטן, און ניט ריכטיגן וועג
אין דער יוגנט גאר ניט געפילט
אז אלטקייט איז מיט וויסן אנגעפילט
ווי גיט מען דער יוגנט צו וויסן
אז פון אלטקייט קען מען פיל געניסן ?

אלעס ווייניג

א ארימער הונגעריקער מאן איז געגאנגען
צו זיך אין שטיבל שפעט בא דער נאכט
טיף אין זיינע געדאנקען פארטראכט,
ער האט געטראכט ווי גליקליך איז
א גביר צו זיין אף דער וועלט
ער וואלט אלעמען געוויזן וואס ער
וואלט אופגעטאן מיט געלט,
גרייס און קליין, יונג און אלט
פון נאהענט און פון ווייט
וואלט ער צונויפגעזאמלט ארימע לייט
א גרייסע סעודה פאר זיי וואלט ער געמאכט
מיט פיל מאכלים גלאנץ און פראכט.
און קומענידק אזוי צו זיין ארימער שטיבל
האט זיך א האנט מיט א בייטל באוויזן פון א גריבל,
נא ! דיר מענטש א זעקעלע מיט א גאלדן רענדל
און ווי נאר דו ציסט ארויס דעם, קומט גלייך א צווייטער
קענסט זאמלען געלט נאכט און טאג
אבער הער זיך גוט צו וואס איך דיר זאג.
וויפל דו ווילסט קענסט ווערן רייך
אבער איידער דו ניצט דאס געלט
דארפסט דאס זעקעלע ווארפן אין טייך
אנדערש וועט ווערן דאס גאלד
צו ערד צו מאלט.
און אין אייגענבליק איז די האנט פארשוואונדן

און דער ארימאן האט זיך מיטן גליק פארבונדן
פון זעקעלע האט ער געשלעפט גאלד נאכט און טאג
האט אויסגעפילט ריכטיג דעם אנזאג,
דער הונגער האט געדריקט דעם ארימאנ׳ס נשמה
דאס וואונדערזעקעלע איז אבער געווען זיין נחמה
און ווי נאר ער קומט צום ברעג צו די וואסער
גייט ער מיטן זעקעלע צוריק א הונגעריקער א בלאססער
וויווארפט מען אוועק אזא וואונדער זעקעלע ? !
עס גייט אבער אויס דאס חיות נאך עסן א ברעקעלע
ער באשליסט אף זיכער ווארפן דאס זעקעלע איך טייך
צו קענען קויפן עפעס צום עסן גלייך
אזוי איז ער נעבעך צום טייך פיל מאל געגאנגען
ביז מען האט אים געפונען ליגן אוף דעם בארג גאלד
אויסגעגאנגען...

עלענט

אין הויזביידע אלטע ליגן קראנקע פארשמאכטע
אין די בעטן.
אין צימער איז קיינער: איר זעט נאר צוויי שארבנס
הויט און ביינער.
בלאסע פארקנייטשטע זיי ליגן אוןווארטן.
פון מענטשן זיי ווארטן די הילף
וואס וועט זיי עפעס דער לאנגען און גארניט
פון זיי פאראלנגען.
זי ליגט א געליימטע, זי איז גייסטיג קראנק
איר קימערט ניט קיין זאך, רעאגירט ניט אף א קלאנג

זי זעט נאר פאר די אויגן די רוצחים
וואס האָבן איר איינציגע טאכטער אומגעבראכט.
ער א פארקריפעלטער האט פיל כוחות געלייגט
צו ראטעווען זיין פרוי
זי איז אבער פון אירע ביטערע קאשמארן ניט פריי
פלוצלונג איז ער אויך קראנק געווארן
אט ליגן אזוי זיי ביידע, פארקנייטשט פארשווארצט
מיט בליקן שטומע פול מיט פיין און צער
ווער קען די טיפקייטן פון זייער ליידן זיין משער
יא! קאלט און טיף איז די וואסער פון ים
און ברויזענד זיינען די כוואליעס
נאר נאך טיפער און קעלטער זיינען
דעם מענטשנ׳ס ליידן
וואס קוקן מיט שטומע בליקן
און שטיל שווייגן

גיי פארביי אונזער דאך

(אין אמאליק קליינעם שטעטל)
צוויי וואלקנס אין הימל
האבן זיך צושלאגן
און פון זיך דעם רעגן
אויסגעלאדן

דריי פאר ליכטיגע אויגעלאך
אין פענסטער קוקן
ווי עס טאנצן די רעגן שופן
און זיי זינגען א לידעלע צום רעגן
פון זייערטווועגן

„רעגן! רעגן! ניט גיס קיין סאך
גיי פאר ביי אונזער דאך
ווייל דער דאך איז צובראכן
דער טאטע אין שטוב ניטא שוין וואכן!"

דער טאטע איז אוועק אין דארף
פרנסה זוכן
און האט צוגעזאגט ברייננגען
א מתנה א קוכן

די מאמע נאך צווייגעלאך
אוועק אין וואלד
האט צוגעזאגט קומען באלד
און די קינדערלאך זיי ווארטן
אף טאטע מאמע און דעם קוכן
דעם געגארטן.

א קליין לעמעלע

עס שטייט א קליין לעמעלע
ארומגערינגעלט
צווישען זיבעציק וועלף
זי שטייט פארצווייפעלט
אבער נישט פארלוירען
זי קעמפט שוין אזוי מיט די וועלף
טויזענטער יארען.
די „לעמעלע" האט א אומנאטירלעכן
געדולד,
אויך אומנאטירלעכן האפענונג
זי איז זיכער, זי וועט באזיגען
מיט ג־ט'ס הילף
די בלוט דורשטיקע וועלף,
וואס ווילען זיי פון דעם קליינעם
„לעמעלע" ?...
מען האט איר פלייש שוין געשאבן
מיט אייזען קעמעלע...
די הויט געריסען פאר אבאזשורן
צו מאכען
און נאך פיל אנדערע שרעקלעכע
זאכען !...
די „לעמעלע" איז אבער אין
די צרות
נאך שטארקער געווארען,

די וועלף וועלען ווידער דעם קאמף
פארלירן
זיי וועלען דאס אינגיכען אויף
זייערע גופים שפירן
די לעמעלע וואס האט דעם פרואוו,
טויזנטער יארן אויסגעהאלטען
וועט אייביק אין איר אייגען לאנד
דעם לעבן אנהאלטן.

עס ברענט

פון א אייגענעם א קלאפ טוט זייער ווײ
דער פאר איז אזוי גרויס דער ווײ געשריי
ווען אין דעם אידישן שטאם
האט מען אריינגעשפריצט א טויטליכן סם.

עס ווערן פאר׳סמ׳ט איינציגווייז אידישע גלידער
און דעם אומגליק פילן ניט מערערע פון אונזערע
שוועסטער און ברידער
טויזענטער יאהרן האבן פעלקער אונז געריסן
און אין אונזער בלוט זיך געבאדן
דאך האבן זיי אין תורה — הלכה׳דיקן שטאם
ניט געקענט אנטאן קיין שאדן.

איז אבער געבארן געווארן פון איינגענע אידן
א בייזער שרעקליכער גזר
געבראכט אופן אידישן פאלק מורא׳דיקן פיין
און ביטערן צער,
זיי שטעלן זיך קעגן דער הייליגער תורה הלכה
דעם אויבערשטנס געבאט הייליקער ליכט און ברכה
זיי האבן פאר קיינעם ניט קיין מורא
זיי דארפן ניט די הייליגע תורה.

ליבע אידן ! ווען אידיש לעבן
און עקזיסטענץ איז טייער
כל זמן עס איז ניט שפעט
לעשט דעם העלישן פייער !
קעמפט פאר דעם אז א איד
איז דער ווי ס׳ זאגט די תורה
הלכה,
ערשט דאן וועלן מיר זיכער
האבן שלום און ברכה.

אין חדר אריין

אין חדר אריין גרויס און קליין,
עס איז געקומען די צייט אידש פארשטיין
אידיש איז ריין, אידיש איז שיין,
מען מוז לערנען אידיש סיי,
גרויס און קליין.
די פרעמדע קולטור האט אונדז
ווינציק געגעבען
זי האט נאר פארשמעלערט
דאס שיין אידיש לעבען
זי האט פון אונדז קינדער אוועקגעריסען
וואס האבען מיט אידישקייט
אינגאנצען איבערגעריסען,
אוועק פון פאלק, פון טאטע מאמע,
ס׳ איז טראגיש די צרה׳דיקע דראמע,
ראטוועט אייער קינד כל זמן ער איז קליין,
גיט אים אין א ישיבה וועט ער
זיין ריין און שיין
קיין בעסערע לופט ווי אין א
תורה דערציאונג גארטן
איז נישטא אין קיין איין ארט,
סיי דא, סיי דארטען.
אין חדר אריין גרויס און קליין
עס איז געקומען די צייט אידיש
לערנען און פארשטיין.

יוגנט

יוגנט ; ווי רייצענד דו ביסט און שיין,
עס שפּראַצט פון דיר פרישקייט און חן
טראַכסט ניט פיל אַריין, וואָס אַזוינס מיינט „וועלט"
אין דיינע אויגן אַלעס שמייכלט אַלעס קוועלט,
דו גייסט אין דער וועלט אַריין, מיט ניט קיין זיכערע טריט
דו באַטראַכסט ניט דיינע מעשים און שריט.
דו ווילסט אָן אַ באַגריף, אַז אַלעס זאָל זיך פאַר דיר בייגן,
דו טוסט ניט פאַרנעמען, פון גוטס, ביז שלעכטס,
אונטערשיידן
דיין האָפענונג בליט ניט מער ווי אַ בלום,
דיין פאַנטאַזיע רופט דיך אַף קרומע וועגן, קום, קום !
אַף אַלטקייט קוקסטו מיט שפּאַט,
וואָס דעם שטעמפּל פון לעבן האָט,
דיין פאַנטאַזיע רופט דיך אַף קרומע וועגן
וואָס זיינען אויסגעשפּרייט מיט שטעכעדיקע שטעגן,
יוגנט ! שטעל זיך אָפּ, גיב אַ טראַכט
וואוהין די שפּרייזט אָן אַ ציל אָן אַ גייסט.

שפראצונג

ווען דער ווארצל איז א געזונטער
שפראצן געזונטע צווייגן און בלעטער
ווען דער ווארצל ווערט פארפעסטעט
זעט מען די צופוילקייט שפעטער

דער גייסטיגער ווארצל פון א אידן
איז די תורה על פי הלכה
אייב דער ווארצל ווערט פארפעסטעט
איז ניטא אין שפראצונג קיין ברכה.

בעל תשובה

פון דעם ווינקל וואו די אלטע קראנקע מאמע
איז געלעגן אין בעט האט „ער" דערהערט
א גוסס'דיק קרעכץ אין געבעט
„מיין זוהן! קדיש, קדיש, דינג עמיצן
פאר מיר צו זאגן — אז אך און ווייי
צו מיינע אפגעלעבטע יארן".
ער איז שטיל געגאנגען צו איר בעט
ס'איז אבער געווען שוין שפעט.

די מאמע איז אוועק... אין פיין און שרעק
אז קיין קדיש וועט מען נאך איר ניט זאגן
ס'איז ניטא אפילו ווער עס זאל נאך איר קלאגן
„ער" איז פארציטערט געווארן
ער האט זיך דערמאנט זיינע יונגע יארן
וויפיל צער וויפל פיין?...
טאג אויס טאג איין
האט ער די עלטערן אונטערגעטראגן
ניט טארענדיק אים אפילו א ווארט צו זאגן.
דער טאטע איז יונג פארשניטן געווארן
דאס האט דער זון אים פארקירצט די יארן.
ער האט זיך אופגעוואכט מיט ערענסטער חרטה
ער וועט ארויסקריכן פון דער שמוציגער בלאטע
ניין! איך אליין וועל נאך מיין מוטער קדיש זאגן
פון דעם גאישן לעבן וועל איך זיך אפטראגן.

נאך דער קבורה איז ער אריין אין א שול
געזעצט זיך טרויעריג אוף א קליינעם שטול
געבעטן מען זאל אים לערנען קדיש צו זאגן אליין
מען זאל אים לערנען דעם אידישן וועג צו פארשטיין.
און אזוי טאג איין טאג אויס איז ער פון גאישקייט ארויס
האט אנגעהויבן שפרייזן אין דעם הייליגן תורה וועג
ער ווייס שיין גוט וואס מען טאר ניט וואס מען מעג
און גליקליך זיינען, זיינע יארן און טעג.

אלטשינקעביידע

שיין אלטשינקע ביידע
מיין באבע און זיידע
איך ליב שטארקביידן
איך באמי זיך, זיי ברייננגען פריידן.

דער זיידע די באבע
פון מיר זיי קווועלן
ווייל לערנען אסאך
איך וועל אלע מאל וועלן,
דער זיידע פון ליבשאפט
גיט אין בעקל א קניפ
די באבע מיט צוקערקעס
מיך באשיט.

ים כוואליעס

ים כוואליעס ! איר זייט געטליך וואונדערלעך
עס כאפט א מורא אנצוקוקן אייך,
וואס יאגט איר ?... וואס טרייבט אייך ? —
צו מאכן אופן מענטשן אזא שרעק —

ים כוואליעס ! איר זייטגעטליך וואונדערלעך
דער ים וואס געבערט אייך מיט שטורעמס
ער שיקט אייך מיט ווילדקייט און שרעק
צום אומקום אופן פלאכן נידעריקן ברעג

און דער וואונדער הויבט זיך ערשט אן
ממש ניט צו פארשטיין
ווי נאר איר רירט דעם ברעג אן
אן מאכט, אן כחות, בלייבט איר שטיין.

מיין גוטער שכן

איך האב א שכן הייסט ער בטחון
ער לעבט ממש בא מיין זייט
שלאפט זיך מיר ניט פון די דאגות
פירט ער מיך אוועק ווייט, ווייט,
אין די ברייטע הימלען צו די זונען שטראלן
ער דערהויבט מיך הויך, איך זאל ניט זיין ביי זיך געפאלן
און ער רערט נאך אנאנד צו מיר
די רעדל פון דער וועלט דרייט זיך אויך בא דיר
ער טוט אף מיר אן א מלבוש וואס הייסט „מוט"
און שטופט מיך מיט געוואלד צו דורכגיין מיין ניט גוט
דער מלבוש מוט ווארימט אן א שיעור —
מיין האפענונג צעבליט זיך שטארק אין מיר
און מיין שכן בטחון קוועלט
„זארג ניט וועסט נאך זיין א מאל א העלד"
אה ! מיין שכן ביסט אפט נעהנטער צו מיר
ווי א ווייטער ברודער
דורך דיר בין איך אפט א קלוגער
טא, באגלייט מיך שטענדיק וואו איך גיי
און וואו איך שטיי
וועט מיין לעבן ניט זיין אך און וויי.

איך זוך דעם וועג

„אה ג־ט״! איך זוך דיך שוין לאנג ארום
איך קען דיך אליין ניט געפינען
און קיינער קוקט זיך אוף מיר ניט אום
איך וואנדער זוכנדיק דיך

איך ווייס ניט צו דיר דעם וועג
איך בלאנדזשע שיין לאנגע טעג
איך גיי אף רעכטס, אף לינקס
ס'איז נאך אלץ ניט דער וועג וואס איך זיך ווינטש
איך גיי צו מזרח און צו מערב
איך גיי צו צפון און צו דרום
אה ג־ט! מיין גייסטיג אידיש לעבן
איז שרעקלעך ארים.

איך בין נאך יונג איך וויל וויסן
דעם אידישן וועג אין לעבן
אבער ווער?... ווער קען מיר
די אנווייזונגען געבן?
פארוואס וויל קיינער פון מיר ניט וויסן
מיר ווייזן דעם וועג פון אידיש לעבן געניסן.

ביז ווי לאנג וועל איך בלאנדזשען אליין
און ניט קענען דעם אידישן לעבן פארשטיין,
אה ג־ט!ווארט ניט
אנטפלעק זיך צו מיר
איך וויל שטארק
זיך באהעפטן מיט דיר

גאוה

א שיינער בוים בין איך געווען
מיט א שטאלצן קאפ פאריסן
געקוקט האב איך נאר בארג ארוף
פון שוואכערע און קלענערע ניט געוואלט וויסן

יענעמ׳ס קרעכצן יענעמ׳ס שמערצן
איז ניט דערגאנגען צום מיין הארצן
און מיטן שטאלצן קאפ פאריסן
האט עס מיר אפילו ניט געטאן פארדריסן.

אבער אט האב איך גענומען
אליין גיין בארג אראפ
און מענטשן שטאלצע האבן
אפגעקרט פון מיר זייער קאפ.
דאן, ערשט האב איך אנגעהויבן פארשטיין
ווי שטאלץ איז נישטיג און געמיין.

אויפגאנג פון טאג — אין אמאליגען שטעטל

די פינסטערניש בלענדעט די אויגן,
עס זשומעט אלעס אין שווייגן,
עס איז שרעקוודיק שטיל
דער ארום איז מיט סודות פיל.

אבער אט די שטילקייט פארגייט
פאמעלעך
עס סקריפען פורן ווייט אין מהלך
א האן קרייעט ווייט פון א דאך
אויפוועקן א מענטשן דויערט ניט
קיין סך.

די גרויקייט רוקט זיך צוביסלעך
ארויס
דער האריזאנט ווערט ליכטיג
און גרויס
אלעס מיט אמאל, לעבעדיק געווארן
דער טאג איז מיט מזל געבוירן.

נאכט

„נאכט !" דו ביסט טאקע פינסטערדיק,
סודות'דיק, אפטמאל שרעקעוודיק.
אבער ווען דו וואלסט חלילה געווען טאג
וואלט פאר דער מענטשהייט געווען א פלאג.

„נאכט !" איך ליב דיך ווי דעם זונען טאג
איך רו זיך אויס פון דעם טאגיקן געיאג
אפטמאל זיסע חלומות דו ברייננגסט צו מיר
אין טאג צייט אפט איך ביינק נאך דיר

„נאכט !" אמאל פארגלויסט זיך דיר צו ווערן פאר איינעם טאג
ער איז נעבעך וואך די גאנצע נאכט
און אין געדאנק דער גאנצער לעבן פלאג
דערבארם זיך אף אים און ווער פאר אים א גוטע נאכט

פארוויג אים מיט דיין סודות'דיק געשפרעך
גלייך אויס זיינע מידע ביינער — און אף געך —
א זיסן חלום שעפטשע אין אים אריין
און א רוהיגע נאכט זאלסט פאר אים זיין.

„נאכט !" איך וועל דיך ניט פארבייטן
אוף די בעסטע טאגיקע צייטן,
איך ליב דיך ווי דעם זוניקן טאג
נעמסט אוועק פון מיר אף ווייל דעם לעבן־פלאג.

זון און שאטן

איך ליב די זון, מיט איר גלעטן —
און בראטן,
אפטמאל איך לויף פון איר צום
קילען שאטן,
אבער אן איר איך קען ניט לעבען
זי איז מיין צווייט העלפט אין לעבען.

פונקט ווי „ער און זי״ צוויי וועלטן
אזוי זון און שאטן, היץ און קעלטן,
מען פאסט זיך צו, ווי נאר מעגלעך,
מאכען דעם צווישען לעבען
דערטרעגלעך.

ווען די זון גליט און ברענט פון היץ
„זי״ און „ער״ כאפען א גוטען
שוויץ...
ראטעווען וועט דער קילער שאטןביידן
אין זיינע רואיקע קילע שיידן

זון און שאטן: איר זייט פון ג־ט
צוויי געבאטען
איינער קען נישט זיין אן צווייטען
זאלט איר „שלום״ שטענדיק גרייטן.

פרילינג

פרילינג, דו באפוצט די ערד
די בוימער
ווי א חתן א כלה א שיינער,

ווי ניי געבוירען אלץ ווערט
די ערד, דער באשאף אלץ זיך
מערט
פייגעלעך פון אומעטום קומען
זיך באזינגען
קונדויסים גליקלעכע טאנצען
און שפרינגען.
א ! פרילינג ! ווי שיין דו ביסט,
ס'איז נישטא קיין גרעניץ צו
דיין לוסט,
עס וואלט גליקלעכער געווען
דער מענטש
ווען אויף אייביק מיט פרילינג
וואלט —
ער געווען געבענטשט.

זומער

אך! ווי איך ליב דיר שיינער
זומער,
איך וויל זאלסט בליען אימער,
דיין נאטור איז גרינער לאנד,
דו רופסט שלעפסט ביי דער האנט.

ווארף אלץ אוועק, מיט מיר
טו זיך א שפיל —
דער וואלד איז דאך מיט צויבער
פיל,
מיט יאגעדעס און שוועמלען
אן א צאל,
די לאנקע שלעפט צום גרינעם
טאל.

דאס וואסער שעפטשעס און
היפנאטיזירט,
ווארט נישט אויף שפעטער מאך
מיט מיר א פלירט,
קוק ווי שיין און רייצענד אלעס
איז ארום,
קום! קום! קום!...
אך! דו שיינער זומער, איך
וואלט וועלע
זאלסט א גאנץ יאר לעבן,
בד
נאָר דו גייסט פֿון פּאַרק
צאָל און לופֿטן שוועלן.

הארבסטיגער וואלד

הארבסטיגער וואלד! ווי צויבערדיק —
רייצענד דו ביסט,
דער זון אונטערגאנג מיט גאלדיק —
פורפולדיקן שיין דיך באגיסט.
ווי א מאגנעט ציסטו צו זיך
מען שפיגעלט זיך אין דיר
אין דיין געטליך מאלעריי
אין סודות׳דיק שושקעריי

הארבסטיגער וואלד
דו ביסט א פאנטאסטיש בילד
ג־טס באשאף איז דיין שילד
אט ביסטו גאלדיק געל
אט ווערסטו רייטליך ראז
און אין איין אייגענבליק ווערסטו
טונקעל שווארץ
די בלוט פארגליווערט אין יעדען
אידיש הארץ,
עס דערמאנט זיך דער ניט ווייטער אמאל
ווען מיין פאלק האט מען איך דיך באגראבן
און א צאל,
איך זע טויטע שאטנס בלאנדזשען
אין יעדן וואלד

איך הער דעם שטומען קלאנג
פון געוואלד...
פאר וואס ?... פאר וואס ?... איז
דאס געשעהן,
און די גאישע וועלט האט רוהיג
צוגעזעהען.

גאלדענער הארבסט

אך דו גאלדענע הארבסט, איך ליב
דיך אזוי,
איך זאמל, די גאלדענע פרוכט פון
בוימער אלערליי,
איך זאמל די גאלדענע תבואה
זאנגען,
דאס הארץ איז אנגעפילט מיט
תפילה קלאנגען —
צום באשעפער פון דער וועלט.
קינדערלעך שוין גרייט צו די
ביכער זיך נעמען,
זיי דארפען וואס מערער לערנען,
און אלץ בעסער קענען,
אין פארגעניגענס א זומער
פארבראכט,
איצט איז די ריכטיגע צייט וועגן
דער צוקונפט געבן ערנסט א
טראכט.
אין דער לופט טראגט זיך א
פייגעלשער קלאנג,
פון די פעלדער א מענטשליכער
גליקלעכער געזאנג,

מען ארבעט, מען איילט און מען
יאגט,
מען זאמלט אויפ'ן ווינטער וואס
נאר מען פארמאגט.
אך ! גאלדענער הארבסט, איך ליב
דיך אזוי.
ס'איז נאענט די צייט פאר'ן ווייס
פוסיקן שניי.

ווינטער

ווינטער, איך האב דיך אמאל זייער
געליבט,
ווען איך בין געווען יונג און ווי
א בלום געבליט,
פלעג איך זיך, גליטשען פון בארג
צום טאל,
אן א חשבון, אן א צאל.
איך בין קיינמאל ניט געווען פון דיר מיד,
דו האסט געשטארקט מיין יעדען
גליד,
אבער היינט בין איך שוואך און אלט,
איז קום צו אונז ניט אזוי קאלט,
קום ניט מיט ווינטן און שטורעמס,
מיט די שניי העכער פון טורעמס,
קום ווייך און געלאסען, א מילדער
ברען ניט און בראט ניט ווי
א ווילדער.
איך וויל מיט'ן גאנצען הארצען
דיך ווייטער ליבען,
איך וויל דיך פון דער וועלט
ניט פארטרייבען,
דו ביסט דאך ג־ט'ס באשאף.
און די יוגנט שטארק דיך דארף.

אלול

ס'איז שוין אלול, תשל"א
איבער'ן אידישען האלדז
ליגט נאך אלץ דער חלף
די שונאים שארפען אים
נאכאנאנד —
אן אויפהער, אה, ג־ט!
דערבארעם זיך

אונדזער געבעט דערהער.
צום נייעם יאר תשל"ב
אוועק פון אונדז אויף אייביק זאל דאס בייז.
דאס בייז פון אינלאנד
דאס בייז פון דרויסן
א סוף צו די שונאים וואס —
נאר צרות, מאכען זענען אויסען.
שטארק דעם אחדות צווישען
אידען.
און זאל שוין קומען אויף אונדז פרידען.
זאמל איין דיין צושפרייט פאלק
פון אלע פיר עקן,
א סוף זאל אויך ווערען צום
וואנדערשטעקן.

א ניי לעבען אין אייגענעם
לאנד בויען.
וואו דו וועסט קענען צווישען
אונדז רוען,
אה, ג־ט! איך האף
אונזער געבעט וועסט דערהערן,
וועסט שטארקן אונדזער לאנד
דאָס פאָלק פון תורה פאַרמערן.

קול פון שופר

אין שוהל איז מיט אמאל
געווארען שא, שטיל...
עס האט זיך דערהערט פון
שופר דער קול.
א ציטער איז דורך מיין נשמה.
איך האב דערפילט אין גוף
א מלחמה
דער יצר טוב איז ארויס
אין קריג
און פון דעם יצר הרע, ארויס
מיט זיג.
איך האב אין שרעק א חשבון
געמאכט
איך האב שוין רואיק נישט
געשלאפען די נאכט,
פארטאג בין איך אין שול
געקומען
פיל זינד איז מיר אויפ׳ן געדאנק
ווידער אויפגעשוואומען,
דער קול פון שופר האט מיין
הארץ געריסן,
און טרערן פון די אויגען האבען
גענומען זיך גיסען,
איך האב געפילט ווי איך ווער
געוואשען גערייניקט

און ווי טיף איך האב מיין
נשמה געפייניקט.
איך האב דערפילט, אז אידיש —
קייט איז לופט
פאר א אידען,
און אן אידישקייט קען מען ניט
זיין צופרידען,
דער קול פון שופר האט אין מיר א
נייע נשמה אריינגעבלאזען
איך וועל שוין קיינמאל זי אויף
הפקר נישט איבערלאזען.

תשליך אין סטאלין׳ס צייטן

א מנין אידען האט זיך פארגלוסט
ראש השנה צום תשליך גיין,
זיי האבען נעבעך גאר ניט געפילט
וואס מיט זיי קען דארט געשען,
אט שטייען זיי ביים בריקעל
פון א קליינעם טייך
און זאגן מיט כוונה די תפילות
און פלוצלונג א מיליציאנער
דא גלייך,
באשולדיקט די אידן, רעדען אויף
דער רעגירונג רכילות.
מען האט די אידן פארשלעפט
פון טייך
און אריינגעזעצט אין תפיסות גלייך,
זיי שרייען פאר וואס פאר ווען ?
דארטען... וועט איר שוין זען,
די באשולדיקונג איז געווארען
וועלען אויפרייסען די בריק
מיר האבען אייך געכאפט ביים
האנט
איר פאררעטער פון פרייהייטס
לאנד.

צום משפט האט נישט געלאזען
זיי רעדען קיין ווארט
נאר גלייך פאר'משפט
אויפ'ן ארט,
דעם צען יאר, דעם פופצען יאר
דעם צוואנציק, און אן רעכט —
צו שרייבען אהיים,
און פון דער מערהייט איז זייער
גורל געבליבען אין געהיים
די משפחות האבען זיי שוין
קיינמאל ניט געזען,
אט ! דאס איז ביים תשליך
אין רויטן לאנד געשען.

ערב סוכות אמאל אין א אידישן שטעטל

אין א פינסטערער נאכט
שפעט בא דער נאכט
שלעפט זיך א איד אלאמער א קרומער
אבער זייער א פרומער.
ער שלעפט אף זיינע אויסגעבייגענע
פלייצעס א ברעט און אין
הארצן א תפילה א געבעט,
א ג־ט ! שיק מיר צו נאר א פאר ברעטלאך
און א ביסל סכך,
פאר מיין קלייניקער סוכל׳ה און דאך
קיין געלט צו קויפן האב איך ניט
פון בעטלען די ברעטער בין איך שיין מיד..
מיט צרות צו פארנאכט
איז געווארן די סוכלה אופגעבראכט.
א פרייד האט באגאסן זיין ארים געזיכט,
דער דאך איז אייך באדעקט גאנץ געדיכט.
א סוכה׳לה ווי ג־ט האב געבאטן,
ער וועט אויך מיט הנאה דארט שלאפן.
אה ג־ט ! איז א קול ארוף אופן הימל
וואס פאר א ונדער פאלק זיינען דיינע קינדער
אין דחקות און אין קעלט
זיצט דער ארעמער אידעלע און קווועלט
אפן טישל א פארדארט שטיקל ברויט
אין דער מצווה האט ער פארגעסן זיין נויט.

דאס סוכה'לע

„דאס ארימע סוכה'לע" מיט'ן
ארימען דאך —
וואס באדעקט איז מיט גרינעם סכך
ביי מיר ביסטו א פלאץ אין
די יום טוב'דיקע
טעג און נעכט.
דו דערמאנסט מיך, ווי מיר
זענען אמאל
געווען פארשקלאפטע קנעכט
ביי דעם
עקספלאטאטארישען פאלק מצרים,
צוריקוועגס צו אונזער הייליקלאנד
וואו עס פליסט מים חיים.
אויף די וועגן ביסטו געווען
אונזער באשיצערין
פון היץ און קעלט און ווינט
אויך פן די צוויי פיסיקע
גזלנ'ישע הינט
וואס בילן נאך אלץ אויף אונז אידן
און קענען נישט פארטראגן
אונזדער פרידן.

איך באפוץ דיך, מיין סוכה׳לע
מיט די שענסטע גרינסען,
מיט די בעסטע פרוכט
די פרעמדע וועלט וואונדערט
זיך און קוקט
זיי ווייסען נישט וואס דו מיינסט
פאר אונדז, אידן
ווי מיר ליבען דיך זיינען מיט
דיר גליקלעך צופרידען

דער איד מיט׳ן אתרוג און לולב
זיינען דיינע ליבע געסט,
מען מאכט קידוש מען פארבייסט,
מען עסט,
אה ! סוכה׳לע, דו ביזט נישט
אזוי ארים
ווי דו קוקסט אויס,
דו האסט געפירט די אידן פון
קנעכטשאפט פאראויס און —
געהיט מיט זיי זאל גארניט געשען
דעם וואונדער האבן נאר אידן
געזען.

דעריבער ביסטו ביי אונדז זעהר
ליב און טייער
עס וועט דיך קיינמאל ניט דערגרייכען
דעם שונא׳ס פייער
„דו ביסט געוועו, דו ביסט דא
דו וועסט זיין״.
כאטש דו זעסט אויס אין פרעמדע
אויגען
ארים און קליין,
קענען דיך די שטורמדיקע
ברויזענדע
ווינטען נישט ביישטיין.

א סוכה׳לע

פון ווענטעלאך פיר
א פענסטער און א טיר
האט מיין טאטע א סוכהלע געמאכט
כדי עסן דארט, בייטאג און ביינאכט.

און די סוכה׳לע די קליינע
וועט אייביג שטיין, ווי א פאלאצל א שיינער
מיט א גרינעם דאך
אפילו נאך שטורעמס א סאך

פון ווענטעלאך פיר
א פענסטער און א טיר
האט מיין טאטע א סוכהלע געמאכט
כדי עסן דארט בייטאג און ביינאכט.

שמחת תורה

שמחת תורה, דו הערלעכער
יום טוב פון פרייד,
ווי טיפזיניק איז דיין באדייט,
איך ווער אלע טעג פון דיר
באנייט.

„דו" גיסט מיר כח אנצוגיין
מיין לעבן
ווען איך גיין אין דיינע
ליכטיקע וועגן,
איך פריי זיך מיט דיר היינט
ווי מיט מיין בעסטען פריינט,
איך נעם א לחיים פון
דיינעטוועגען
און ווינטש זיך זאלסט מיך
באגלייטען
מיין גאנץ לעבען.

היינט מיט דיר איך טאנץ
ביז'ן טיפען טאג אריין,
ווייל דו ביסט מיין גאנצער
וועזען,
מיין לעבען מיין זונען שיין.

און דיר, מיין ליבע תורה
האב איך גאר לעבען מורא,
טא באגלייט מיך דעם
גאנצען יאר
מיט פרייד און שלום
אויפ'ן וואר.

חנה מיט אירע קינדער

חנה די אידישע העלדישע מאמע
האט דורכגעלעבט א טראגישע דראמע.
איר ליבע צו קינדער האט געברענט אינפלאמען,
און ג־ט׳ס וועג זיינען זיי געגאנגען אלע צוזאמען.
דאס פאלק פון יונים פאר אידן געווען
גייסטליכע שרעקליכע שונאים,
אנטוויקלען זיך אין גשמיות
האבן זיי די אידן געלאזן גערן,
פאר לערנען תורה האבן זיי —
געשארפט פאר די אידן די שווערדן.

זיי האבן געכאפט א מאמען מיט זיבן זין
און ארויס געטראגן פאר זיי א שרעקליכן פסק דין
אומצובריינגען יעדן איינעם
וועלכער וועט זיך ניט בוקן צום צלם.

דער עלסטער ביזן קלענסטן
האבן דאס בשום אופן ניט געטאן
ניט גלויבן אין קיינע עבודה זרה
זאגט אונז די הייליגע תורה אן
„אין איינציגן ג־ט דעם באשעפער מיר גלויבן
אזוי זיינען מיר צו טאן אנטשיידן...״
„ניין! מיר וועלן זיך צו אייך ניט בוקן...
די מאמעס אויגן האבן געמוזט פון אירע קינדער
דעם טויט צוקוקן...

געבליבן איז נאר דער קלענסטער
מיט זיין אידיש חן פנים דער שענסטער
די מאמע שטייט דער ביי
די יונים פרעגן אופסניי
„נו, דו ווילסט בלייבן לעבן ?...
מיר וועלן דיר דאס שענסטע
און בעסטע געבן״.

געפאלן דערביי זיינען די מערדער אף
א עצה
גענומען דאס קינד מיט א שמייכל פארן פלייצע
א גאלדן פינגערל אראפגעווארפן
לאז זיך ארונטער אופצוהויבן נאר.

ניין ! ניין ! האט קאטעגאריש געזאגט דאס קינד
און שיין האט מען אוועקגענומען אים צום טויט
געשווינדט
„שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד, אי וויי״
איז געווען די מאמעס לעצטער געשריי.

חנוכה אין סטאלינ׳ס צייטן

ערגעץ אונטערערדיש אין א קעלער
די „חנוכה־ליכטלעך״ טוען צאנקען,
געצונדענע, פון הענט געבונדענע,
פון מיילער פארשטומטע,
פון הערצער פארדאמטע
פון פרהייהייט געצאמטע...

אט ! אט ! יענע ליכטעלעך
האבען געזאפט נייע געשיכטעלעך
פון אידישן מסירת נפש און גבורה
מיט בלוט געשריבען יעדער שורה.
טיף אונטערערדיש זיי טוען צאנקען
אפגעטיילט פון דער וועלט
מיט אייזערנע פארהאנגען
קיינער זאל נישט קענען וויסען
ווי אידיש בלוט טוט זיך גיסען.

געגאסען האט זיך אידיש בלוט
אן א מאס
אן קיינע פראגעס פארוואס...
דער איינציקער חטא צו געבוירן
א איד
וועלן לעבן ווי א איד האט מען
אין קייטען געשמידט.

אט ! אט יענע חנוכה ליכטלעך
האבען געזאפט טויזנט איין נאכט
געשיכטעלעך
פון אידישן מסירת נפש און גבורה
געשריבען מיט בלוט יעדער שורה.

חנוכה ליד

די יונים אריינקומענדיק אין הייליקן לאנד
האבן גלייך א פלאן דערטראכט
ווי אזוי די אידן זאלן ווערן אומגעבראכט,
האבן זיי באשלאסן אומצוברייינגען נאר די נשמה
און זיי האבן דערקלערט די אידן א גייסטיקע מלחמה
איר מעגט האנדלען מאכן געלט לעבן א גוטן טאג
נאר בשום אופן ניט היטן אייער ג־־טס געבאט
געדיינקט ! היטן אייערע מצוות און לערנען תורה
איז א שטריינגער פארבאט און ווער עס וועט ניט אויספאלגן
וועט באשטראפט ווערן גלייך אופן ארט
האט די אידישע מאמע מיט אירע קינדער
געוויזן דער גאיישער וועלט אידישן שטאלץ און וואונדער
איר קענט צונעמען אונזערע גופים, אבער ניט די נשמות
עס וועלן אייך ניט העלפן אייערע גזלנישע מלחמות...
ג־ט האט געזעען די שטארקייט פון זיינע קינדער
האט פארטריבן די יונים און געוויזן צו די אידן ניסים
און וואונדער
איין קריגעלע אייל וואס עס איז געבליבן אין בית המקדש
אומבארירט נאך
האט נאר געקענט ברענען איין טאג
אבער האט געברענט א גאנצע וואך
דעריבער צינדט מען חנוכה ליכטעלאך אכט טעג
און זיי לייכטן א גאנץ יאר דעם אידישן וועג
מיר אידן דארפן שוין אנהויבן פארשטיין
אז מיר מוזן זיך באמיען אנצוצינדן א ליכטעלע
אין יעדער אידיש פינסטערער היים.

חנוכה באם דריידל

גרויסע און קליינע
שפילן זיך אין דריידלאך
אלע, אלע ארום דעם טיש
זיינען זייער פרייליך.

די קליינע קינדער מאכן אגעשריי
הייסע לאטקעס ווילן זיי

מיר א לאטקע מאמע!
מיר א לאטקע מאמע!

און די גוטע מאמע
לאטקעס באקט און באקט.
זאגט זי צו די קינדער עסט
מאכן א ברכה ניט פארגעסט.

היינט איז חנוכה זייט פריילאך
אלע אלע שפילן דריידלאך
און דער דריידל דרייט זיך, דרייט זיך,
און איר קינדער פרייט זיך פרייט זיך.

פסח

פסח צום סדר עסט מען מצות
כריין און חרוסת
מען פרעגט די פיר קושיות
און מען טרינקט ארבע כוסות

אין דרויסן שפילט חיימל אין ניסעלאך
לויפט ער הין און הער,
אים טוען שיין ווי די פיסעלאך
ער וויל אבער געווינען ניסעלאך וואס מער.

און וועלוועלע האט זיך צעוויינט
איך האב פארשפילט די ניס
חיימל האט זיי ביי מיר געוואונען
אלע ניסעלאך אוועק גענומען.

איז וואסזשע וויינסטו וועלעוולע ?
א שפיל איז דאס דער פאר
וויינען ווייזט א קליינינקער
א אינגעלע א נאר.

פארשטאנען האט דאך וועלוועלע
אז וויינען איז ניט שיין
ער האב געשפאנט די פיסעלעך
און איז געך אוועק אהיים...

ל״ג בעומר

ל״ג בעומר, ל״ג בעומר
איז דריי און דרייסיג טעג אין עומר
דריי און דרייסיג, דריי און דרייסיג
דריי און דרייסיג טעג אין עומר.

לויפן קינדערלעך אין וואלד
זיי זיינען פריש, עס איז ניט הייס, ניט קאלט
לויפן זיי, לויפן זיי
פאר די הענטעלאך צו צוויי.

אנגעטאנצט זיך אנגעזונגען
ווי די גלעקעלעך געקלונגען
אהיים פון וואלד, אהיים פון וואלד
געדיינקט שבועות וועט קומען באלד.

שבועות

שבועות ליבע קינדערלעך
שבועות איז געקומען
שבועות ליבע קינדערלעך
האבן אידן די תורה גענומען

לערנען דארף מען שטענדיק
די הייליגע תורה
ווייל דאס איז די בעסטע
און די שענסטע סחורה

שבועות ליבע קינדערלעך
שבועות איז געקומען
שבועות ליבע קינדערלעך
האבן אידן די תורה גענומען.

גרין באפוצט איז אונזער שבועות

יאנקל קלעטערט אפן בוים,
צווייגן רייסט ער גאר א סאך,
איך וועל באפוצן דעם יום טוב שבועות
מיט בלומענקראנצן וואס איך מאך.

און די שכנים ניט פארגעסן
גרין די ווינקלען אין יעדן הויז
און די גאלדיק גרינע שטראלן
גאנצע בוימער אויף די ווענט זיי מאלן אויס.
אף קינדער קעפעלעך בלומענקראנצן
די קליינווארג זינגען שפרינגען טאנצן
שבועות איז געקומען
שבועות איז געקומען.

תשעה באב

תשעה באב דו ביסט מיין טרויער,
מיין ביטערסטער באדויער,
שיין טויזענטער יארן איך ווארט,
איך ווארט און איך וויין,
אז ירושלים זאל אנטאן אויף זיך א
גאלדענע קריין.

א ! ג־ט, איך ווארט און איך האף,
אז מער וועט ניט זיין פון דיר קיין שטראף
און איך וועל מער ניט דארפן פאסטן דעם טאג,
א יום טוב וועט ווערן תשעה באב.

שרה־לע גרייט זיך צו שבת

פרייטאג ווען שרה־לע קומט פון שול
גרייט זי זיך צו שבת,
וואשט דאס פנימ'ל, די הענטעלאך
פארקאמט די הערעלאך
פוצט אויס די שיכעלאך
טוט איבער א פריש קליידעלע,

און די קליינע שוועסטער פריידעלע
וויל אויך זיין א גוטע מיידעלע
טוט זיך נאך אלעס, וואס שרה'לע טוט
ס'איז זייביידן פריילאך און גוט

שרה'לע גרייט דעם שבת טיש
פריידעלע שטעלט צו וויין און פיש
לייכטער צוויי א בעכער א גרייסן
אף דעם טישטעך דעם ווייסן

די מאמע בענטשט די שבת ליכט
הייליג זיס איז איר געזיכט
און דער טאטע מיט די קינדער צוויי
אוועק אין שול זיינען זיי

שבת בראשית

ראשית, איז דער שבת בראשית
פון אלע שבתים דער בכור,
זיכער טראגט ער פאר זיינע אידען
גוטע בשורות נאר

„איך באגעגען דעם ערשטען שבת
מיט די בעסטע, געשמאקסטע
פאטראוועס,
מיט פרייד, האפענונג אן א שיעור,
איך האב דאך שוין אויסגעגאסען
פאר'ן —
באשעפער די גאנצע טרערען
פון מיר".

דער שבת בראשית איז פון געזאנג —
פון ג־ט'ס וועלט באשאף,
היטן זיינע געבאטן שטרענג מען
דארף.
צו דער הייליגער תורה, איז
שבת בראשית
א ברייטע טיר,
קלוג איד דער איד וואס גייט
אריין אין איר.

נח

דער צדיק פון דור המבול איז
געווען „נח"
ער האט געהאט גענוג כח —
צו העלפען מענטשן קומען
אויפ'ן גלייכען וועג,
ער האט אבער זיי נישט געלערנט,
וואס מען טאר נישט
וואס מען מעג,
ער האט געבויט די תיבה הונדערט
מיט צוואנציק יאר,
ער האט נישט אריינגעטראכט אין
דעם פארדארבענעם מצב
אויך א האר —
און ג־ט האט געבראכט דעם מבול
אויף דער וועלט,
איצט איז מען אויך פארדארבען
מיט ווילדע תענוגים און געלט,
מען הרג'עט מען שלאגט, בלוט
גיסט זיך ווי וואסער איבער
דער וועלט,

עס מערט זיך די פארדארבענקייט
עס ווערט ניט פון קיינעם
אפגעשטעלט.
היינט איז נאך ערגער, ווי געווען,
אין די צייטען פון נח.
דעריבער מוז די מענטשהייט לערנען
מיט א שטארקן ווילן און כח
אפשר וועלען מיר פארמיידען דאן,
א שטראף
ווי נח'ס דור האט געהאט דעם סוף.

שבת

איר הייליקע !... שבת ליכט און שבת פיש,
איר באשיינט דעם שבת טיש,
און די חלות מיטן בעכער,
מאכן נאך די קדושה העכער.

און די רויטע שיינע וויין,
שפיגלט אפ פון ליכט די שיין,
און די פרומע מאמע מלא חן
מאכט דעם שבת נאך מער שיין.

שטייט די שבת'דיקע הויז
איינגעהילט אין פרידן
ברענגט דער שבת רו און פרייד
פאר דעם פרומען אידן.

אט, דער טאטע קומט פון שול
פריילעך זינגענדיק, לעבנספול
מיט די קינדערלעך און מאמען
אוועק א טאנץ צוזאמען.

און די גאנצע הויז געזינד
האט דעם טאג ניט קיין זארגן,
ניט געדאגה'עט ניט געטראכט
וואס געשען וועט מארגן.
שבת ליכט ! שבת ליכט !
ווי הייליק ליכטיק איז אייער שיין
א נייע נשמה שבת קודש
קומט צום אידן אין גוף אריין.

מיין בת מלכה!

דו שיינע הערלעכע בת מלכה
ווי שווער עס איז מיר צו לעבן אן דיר
איך צייל די גראע וואכעדיקע טעג
זונטאג, מאנטאג, דינסטאג,
מיטוואך, דאנערשטאג, פרייטאג.

און אט אין אוונט קומסטו אריין,
מיין געצעלט ווערט גלייך באשטראלט
ווי מיט טויזענטער זונען שטראלן
דו פאריאגסט מיין צער מיין פיין.

לכבוד דיר איז געגרייט א טיש
מיט ליכט וויין און פיש,
א הייליגער געפיל נעמט מיך ארום
עס שפריצט די קדושה פון אומעטום.

אך! ווי גליקליך איך בין —
וואס איך האב דיך געפונען,
מיין נשמה האט נאך א נשמה באקומען,
עס ווערט מיר אבער זייער טרויעריק
ווען דו פארלאזט מיך אין די וואכעדיקע טעג
ווען איך מוז ווידער נעמען מיינע זארגן —
און גיין דעם שווערן גשמיות'דיקן וועג.

איך וועל דיך, אבער אריינגעמען
טיף אין מיין נשמה,
אין די גראע וואכעדיקע טעג
וועלן זיי א דורכלופן שנעלער
מיט נחמה
גרינגער וועט זיין מיין לעבענסוועג

עס ציהען זיך לאנג די טעג —
ווארטענדיק אויף דיר,
איך ווער אויסגעצערט און מיד,
איך בין אבער אויך אייביק
דיין געליבטער „שבת״ איד.

און פריינט

עשו האט יעקב'ן זייער שטארק געהאט פיינט
אבער יעקב האט גערעכנט אים מאכן פאר א פריינט
ישמעאל האט יצחק'ן אייך זייער ניט ליב געהאט
אזוי איז געווען אמאל אזוי איז אויך היינט

יעקב האט מתנות עשו'ן געגעבן
אבי רוהיג צווישן זיך לעבן
די שנאה האט ג־ט באשאפן
און קיין מענטש קען דאס ניט אפ שאפן.

דעם איד אבער האט זיך געדוכט
פון דעם גוי מאכן א פריינט
ס'איז קיין מאל ניט געלונגען
און אזוי אייך היינט

צוויי פריינט איז נאר בא דעם אידן פאראנען
דער „טאטע" אין הימל, מיט אלע אידן צוזאמען
די פריינטשאפט איז שטארקער ווי שטארק
מען קען דאס ניט מעסטן מען קען דאס ניט צאמען.

צדקה

מתן בסתר צו געבן א נדבה אין דער שטיל
איז א איידעלער און הייליגער געפיל,
אבער אז מען גיט א נדבה און דערפון ווייסן אלע
איז אויך א גאנץ גרויסע מעלה
אבער אז איינער וויל אינגאנצן ניט געבן קיין
נדבות,
האט ער אין זיין מוח ניט קיין ריינע
מחשבות,
א מענטש ווערט געבארן די הענט פארמאכט שטארק
מיט די פינגער
מיט א באוויז ער וועט צו קיינעם גאר ניט געבן
פאר זיך אלעס וועט ער נוצן אין זיין לעבן,
אז ער פארלאזט די וועלט זיינען אפען זיינע פינגער
און הענט,
צו באוויזן מיט זיך גאר ניט ער נעמט
נאר די מעשים טובים באגלייטן דעם מענטשן
און אידן טוען אזא מענטשן בענטשן.

די מענטשליכע קרוין

אלטקייט אין מענטשליך געשטאלט
וויפיל סודות׳דיקע געשיכטעס דו אנהאלטסט ?...
ביזט באפוצט מיט א גלאנצזילבערנער קרוין
מבינים זעהען אין דיר שיינקייט און חן

דו קוקסט אבער אוף דיין אנטרונענער וועלט
מיט ביטערע בליקן און פארדרוס
דיינע נאכגייער זעהען אין דיר
נאר פארשימעלקייט, טפשות און שטות

דער אבער וואס בלעטערט דיין לעבענס בוך
א טיפער נשמה ציטער גייט אים א דורך,
ניין ! אלטקייט דו ביסט די מענטשליכע קריין
וואס טראגט אין זיך וויסן ערענסטקייט און חן.

אין קאנצענטראציע לאגער

אין מיין מארך איך קריץ איין מיין ליד
ווען מיין גייסט איז אין קייטן געשמידט
די געדאנקען פון קאפ האבן מורא
ארויס אויף דער פריי...
ווייל איך זע שטענדיק פאר מיינע
אייגן א פאליציי...
מיין ליד רייסט זיך, צו זיין געדרוקט אף פאפיר,
די געדאנקען אבער ווארפן א פינסטערן שרעק אף מיר
איך ווער אפגעגאסן מיט קאלטן שווייס
אָך ! ווי די שרעק איז גרייס.

די שטומע ווערטער באהאלטן זיך ווידער טיף אין
מיין הארצן
זיי פרעסן מיך, דריקן מיך, און מאכן פיינליכע שמערצן
א סכנה אין קאפ זיי צו טראגן
א כוח צו אויסריידן זיך, זיי פארמאגן.

באצאלן איך קען דאן מיטן לעבן
צו פארניכטן די געדאנקען
איידער זיי ווערן געבארן
איך מוז צו דעם שטרעבן.

איך ביך פאר ריינעם אידיש

איך בין פאר — „יידיש״
פאר יידיש ריינעם גוף,
פאר יידיש ריינער נשמה
וואס טראגט ריינעם גייסט
יידיש גליק און נחמה

איך בין פאר אידיש ריינער שפראך
וואס טראגט אין זיך הייליקייט און זאך
וואס האט אונז הונדערטער יארן
אין גלות געגעבן מוט און האפענונג א סאך.

שירים
בעברית

שרה'לה מתכוננת לשבת

ביום ששי שרה'לה באה מבית הספר
מתכוננת לשבת כסדר
פנים וידים הוא שוטפת
שערותי'ה מסרקת
נעלים מצחצחת
ומוציאה שמלת שבת

פרידה'לה האחות הקטנה
גם רוצה להיות טובה
היא עם שרה האחות
לשבת מתכוננות

עורכות את השלחן השתים
מביאות דגים ויין
מפה לבנה ושתי חלות
פמוטים עם הנרות

אמא פורשת כפים
ועוצמת העינים
אמא הנרות מדלקת
ועליהם מברכת
כך נכנסת האורחת
כך נכנסת השבת

שינה מתוקה

נומה נומה ילדי הקט
בחוץ נושבת רוח עזה
עצום עין, הרדם אט
בצפרים מזמן תנומה אחזה

הרוח בחזקה משירה את העלים
ומעיפה אותם פה ושם
במטות הקטנות ישנים הילדים
ולא שומעים את קול הרעם

לישון ! לישון ! חשכה יורדת
השעה כבר מאוחרת
מחר אתה צריך לקום מוקדם
חברך שמעון כבר מזמן נם

ל„חדר״ אסור לאחר
מדבר זה צריך להשמר
ללמוד צריך הרבה הרבה
ולשחק רק לאחר זה

לישון ! לישון ! יורדת
השעה כבר מאוחרת
מחר אתה צריך לקום מוקדם
חברך שמעון כבר מזמן נם

כבוד אב ואם

כולנו חייבים לקיים
מצות כבוד אב ואם
עלינו לכבד רצונם
ולשמוע בקולם

זכרו ילדים
מי גדל אתכם שנים ?
הכירו טובה להוריכם
מגדליכם — מחנכיכם

אם בקול הורים לא תאבו לשמוע
לתת להם הכבוד המגיע
בעתיד גם ילדיכם
יעשו זאת לכם

שימו לב ילדים !
במעשיכם הטובים
גם הוריכם נהנים
ולהפך חלילה — צער רב להורים.
לכו נא בדרך טובים
נחת ושמחה יהיו להורים
ולכם יקרים —
אריכות ימים ושנים !

ראש השנה

בראש השנה וביום הכפורים
כולם בתשובה חוזרים
ללכת בדרך הנכונה
בדרך אבותינו התורה והמצוה.

לשמוע בקול ההורים
היקרים והאהובים
לשחק יחד בשמחה וחדוה
ולהגדיל בזה את האהבה

בראש השנה וביום כפור
מתחילה השנה החדשה
כל עם הארץ וכל בור
אף הם משתדלים לשוב בתשובה.

סוכה

מארבע דפנות
דלתות וחלונות
בנה אבי סוכה
כדי לאכול בה ביום ובלילה

כסתה הסוכה
בירק וסכך
בלילה גם שם
אבי למד ונח

והסוכה הקטנה
כארמון נפלא
עם הסכך הירוק תעמוד לעולם
בפני רוחות סופה ברק ורעם.

מארבע דפנות
דלתות וחלונות
נבנתה סוכתנו
ל„זמן שמחתנו".

חנוכה

קטנים וגדולים
משחקים יחד בסביבונים
כולם סביב לשלחן
מאד מאד שמחים

הילדים הקטנים צועקים
לביבות חמות הם רוצים
גם אנו כולנו אמא !
גם אנו כולנו אמא !

והאם הטובה
לביבות אופה
ולילדים אומרת : בתאבון אכלו
וברכה אל תשכחו !

בחנוכה הכל שמחים
משחקים בסביבונים
סביבונים רוקדים סביב
מה נעים ומה חביב !

פורים

אסתר׳קה ילדה יפה
לבשה בפורים שמלת מלכה
כתר לה על הראש
שקבלה אסתר מאחשורוש
הלכה יחד עם אבא ואמא
לבית הכנסת לשמוע המגילה

שם הי׳ה מנשה׳לה הקטן
עם כובע כמו אוזן המן
יענקלה ומשה׳לה הלכו ברחובות
ובידיהם „משלוח מנות״.

כולם רעשו ברעשנים
שהשמיעו גרים גרים
וכשהגיעו להמן הרע
צעקו כולם ר ר ר

שומעים הילדים בשמחה
על סופו המר של הרשע
על מרדכי שעלה לגדולה
וליהודים היו רוח והצלה

ל"ג בעומר

האח ל"ג בעומר בא,
שלושים ושלושה ימים לספירה !
חושו ילדים היערה
הבו קשת וחץ ועצים למדורה

אצים רצים כנערים
ילדים ערים ורעננים
שרים ורוקדים בלי די
בר־יוחאי, בר־יוחאי...

פסח

מצות, מרור וחרוסת
קושיות וארבע כוסות
והילדים משתעשעים
במשחקי אגוזים

רץ חיימקה במשחק השקדים
כואבות לו הרגלים
אך איננו מוותר
להרויח רוצה מה שיותר

אברהם'לה הקטן בוכה
וחיים'ל שמח כי הוא הזוכה
נוקש באגוזים זה בזה
האחד שמח, השני בוכה

מה אתה בוכה ? — אומרים לו
הרי זה רק משחק ותו לא
הן אינך תינוק בן חמש
אתה כבר ילד בן שש

הבין הילד אברהם'לה
כי לבכות לא נאה
דמעותיו חיש נגב
והלך לו עצב...

שבועות

התדעו ילדים יקרים,
מהו „שבועות" ליהודים?
בו קבלנו את התורה
הטובה מכל סחורה

עלינו לקיים מה שבה נאמר
ולשמור על מצוותיה מכל משמר
ללמוד אותה גם ללמד
ביום, בליל ובכל עת.

דעו נא ילדים,
חג גדול ליהודים
חג מתן תורה
הטובה מכל סחורה

שלג יורד

אט אט החלו השמים מתכסים בעבים
רוחות חזקות וגשמים החלו יורדים
ולפתע פתאום הפסיקו הגשמים
שלג לבנבן החל יורד מהשמים

השלג ירד
יומם ולילה
ובבוקר יצאה החמה
בדיוק בשעה שמונה

רצים הילדים ל„חדר"
על השלג
אודם בלחיים
וגיל על כל פנים

לאחר הלמודים
בשלג הרך הם משחקים
אבל, בקול אמא הם שומעים
ומהצטננות נזהרים.

סבא וסבתא

סבתא וסבא הטובים
לאט לאט מזקינים
אני מחבב אותם יחד
אני מביא להם נחת

סבתא וסבא
נחת ממני יראו
תורה אלמד הרבה
ללמוד תמיד ארצה.

די גאנצע הכנסה פון פארקויפן
דאס בוך ווערט געשפענדעט לטובת
"קרן משפחות הגבורים אין ארץ ישראל"